בס"ד

תצוה-זכור תשפ"ג

גליון 132

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייִערֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער,**

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין בַּיי שַׁבָּת זָכוֹר, אַפָּאר טֶעג פַאר דֶעם גְרוֹיסְן יוֹם טוֹב פּוּרִים.

ר' נָתָן שְׁרַייבְּט אִין דִי עֶרְשְׁטֶע הֲלָכָה אַז דֶער עִיקָר וֶועג צוּ מַכְנִיעַ זַיין עֲמָלֵק אִיז בִּשְׁעַת וֶוען אַ אִיד גֵייט אַדוּרְךְ נִסְיוֹנוֹת מִיט יְרִידוֹת אוּן אִין אַזַא מַצָּב שְׁטַארְק עֶר זִיךְ מִיט נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, 'קְלֵיינְטְשִׁיגֶע בְּרֶעקֶעלֶעךְ' פּוּרִים אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן 'פִּירוּרִים', דֶער אִיד שְׁטַארְק זִיךְ מִיט פִּיצְקֶעלֶע מַעֲלוֹת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעשֶׁענְקְט, דוּרְךְ דֶעם טוּט מֶען אוּנְטֶערְדְרִיקְן עֲמָלֵק.

סְ'אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ, לִכְאוֹרָה אִיז דָאךְ עֲמָלֵק אַזַא גְרוֹיסֶע קְלִיפָּה, וָואלְט מֶער גֶעדַארְפְט אַרוֹיסְגֵיין קֶעגְן אִים מִיט גְרוֹיסֶע זַאכְן? נָאר בֶּאֱמֶת אִיז פַארְקֶערְט, עֲמָלֵק אִיז מֶען מַכְנִיעַ נָאר מִיט קְלֵיינֶע קְלֵיינֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת.

אִין דִי תְּפִלָּה אוֹיף פּוּרִים (תפלה ל"ז חלק שני) זָאגְט ר' נָתָן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּ הָאסְט אוּנְז שׁוֹין מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז אַלֶע נִסִּים אוּן וואוּנְדֶער וָואס אִיז גֶעשֶׁען צוּ אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן וָואס דוּרְכְדֶעם אִיז בַּאשְׁטִימְט גֶעוָוארְן דִי יָמִים טוֹבִים, דִי אַלֶע נִסִּים וֶוערְן נִתְגַלֶּה אִין יֶעדְן דוֹר, בַּיי יֶעדְן פְּלַאץ אוּן מִיר דַארְפְן דָאס מְגַלֶּה זַיין אִין יֶעדְן דוֹר, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ בַּאזוּנְדֶער. דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר בַּאשֶׁעפֶער, לֶערְן מִיר אוֹיס, גִיבּ מִיר דֶעם שֵׂכֶל אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ פּוּרִים מִיט אַ שְׁלֵימוּת אוּן אַן אֱמֶת, מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ אוּן זֶעל, יֶעדֶעס יָאר פּוּרִים זָאל אִיךְ צוּ דֶעם זוֹכֶה זַיין מִיט אַ שִׂמְחָה וָואס הָאט נִישְׁט קַיין עֶק."




אִיךְ זָאל זוֹכֶה צוּ מַמְשִׁיךְ זַיין אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל דִי קְדוּשָּׁה אוּן טָהֳרָה פוּנֶעם פָּרָה אֲדוּמָּה. בַּאשֶׁעפֶער דוּ וֵוייסְט דָאךְ אוּנְזֶער בִּיטֶער יְרִידָה אִינֶעם פִינְסְטֶערְן גָלוּת, אַלֶע סָארְטְן צָרוֹת וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוּן אוֹיף מִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ, דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז זִיךְ זֵייעֶר מִתְגַבֵּר אוֹיף מִיר אַז אִיךְ בִּין אִין אַ גְרוֹיסֶע צָרָה, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט קַיין שׁוּם וֶועג וִויאַזוֹי צוּ נִצֹּל וֶוערְן דֶערְפוּן, דֶערִיבֶּער דַארְף אִיךְ הָאבְּן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִין אַלֶע דוֹרוֹת בִּפְרָט בַּיי דִי נֵס פוּן מָרְדְכַי הַצַּדִּיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה וֶוען הָמָן הָרָשָׁע הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף זֵיי מִיט אַזַא פֶעסְטְקֵייט אוּן מָרְדְכַי הַצַּדִּיק מִיט זַיין גְרוֹיסְן כֹּחַ הָאט גֶעשְׁרִיגְן אִין דִי גַאסְן 'גֶעוַואלְד' זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ! קַיין יֵאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַארְהַאנְדְן!

מָרְדְכַי הָאט צַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן שׁוּשַׁן הַבִּירָה אוּן גֶעפַאסְט מִיט זֵיי דְרַיי טֶעג אוּן דְרַיי נֶעכְט. עַל-פִּי-טֶבַע אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען

המשך קומענדיגע זייט

המשך פון זייט 1

קַיין צוּ וֶוערְן נִצָּל פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע גְּזֵרָה וָואס הָאט גֶעדְרָאעֶט אוֹיף דִי אִידְן פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, מֶענֶער, פְרוֹיעֶן, קִינְדֶער צוּ וֶוערְן חַס וְשָׁלוֹם פַארְטִילִיגְט אִין אֵיין טָאג, אוּן אִיבֶּער אֵיין נַאכְט הָאט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט לְטוֹבָה מִיטְן כֹּחַ פוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק וָואס הָאט אַרַיינְגֶעשַׁיינְט סַיי אִין אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה אוּן סַיי אִין אַלֶע אִידְן אַז קַיין יִאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַארְהַאן.

מֶען קֶען בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, מֶען קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי גְּזֵרָה אַזוֹי וִוי עֶס אִיז טַאקֶע גֶעשֶׁען אַז הָמָן אִיז גֶעהָאנְגֶען גֶעוָוארְן אוֹיף אַ בּוֹים פוּן פוּפְצִיג אַלֵיין אַנְשְׁטָאט מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק, אוּן מָרְדְּכַי אִיז גֶעפִירְט גֶעוָוארְן אוֹיף אַ הֶערְלִיכְן פֶערְד בַּאצִירְט מִיט קֶענִיגְלִיכֶע קְלֵיידֶער אוּן דֶער טִפֵּשׁ הָמָן הָאט אִים גֶעדַארְפְט אַרוּמְטְרָאגְן אִין אַלֶע גַאסְן וּכְדֵי בִּזָּיוֹן וָקֶצֶף.

עֶס אִיז גֶעוָוארְן פַאר אַלֶע אִידְן 'לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה וְשִׂמְחָה', מֶען הָאט גֶעקֶענְט זַיין אִידְן בְּפַרְהֶסְיָא, דִינֶען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן דָאס אַלֶעס אִיז גֶעשֶׁען אִין אֵיין מִינוּט. אַזוֹי אוֹיךְ הַיינְטִיגֶע צַייטְן טַייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר זִיךְ אוּנְטֶערְגַארְטְלֶען מִיט אוּנְזֶער גֶעוֶוער פוּן תְּפִלָּה, לָאמִיר זִיךְ אַלֶע אוֹיפְוֶועקְן דִי טֶעג אוּן מִתְעוֹרֵר וֶוערְן פוּן נַיי, אוּן בֶּעטְן בַּיים בַּאשֶׁעפֶער: "אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ, קָרַע רַע גְּזַר דִּינֵנוּ", עֶס זָאל שׁוֹין וֶוערְן אַ סוֹף צוּ דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סַיי בְּרוּחָנִיּוּת, אוּן זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִּיקִים אוּן בִּפְרָט דֶער כֹּחַ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס לֶערְנְט אוּנְז דִי לִמּוּדִים אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין יִאוּשׁ בָּעוֹלָם.

זָאל שׁוֹין צֶערִיסְן וֶוערְן דִי גְּזֵרָה, עֶס זָאל אַלֶעס נִתְהַפֵּךְ וֶוערְן לְטוֹבָה, אוּן דָאס יָאר זָאל שׁוֹין זַיין 'וְנַהֲפוֹךְ הוּא אֲשֶׁר יִשְׁלְטוּ הַיְּהוּדִים הֵמָּה בְּשׂוֹנְאֵיהֶם', עֶס זָאל שׁוֹין זַיין 'וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְעַלְתּוֹ... וַיֹּאמַר כֹּל אֲשֶׁר נְשָׁמָה בְאַפּוֹ, ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל מֶלֶךְ', אָמֵן וְאָמֵן.

**אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

## דִי "אַכְסַנְיָה" פוּנֶעם צַדִּיק...



דֶעם רֶבִּי'נְס טָאכְטֶער חַיָה'קֶע אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל צוּפָארְן אוֹיף פּוּרִים קַיין בְּרֶסְלֶב, דֶעמָאלְט אִיז אִיר זוּן נַחְמָן גֶעוֶוען אַ קְלֵיין אִינְגֶעלֶע, הָאט זִי אִים מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט מִיט זִיךְ, זִי אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אִין אַן אַכְסַנְיָה, דֶער בַּעַל אַכְסַנְיָא הָאט גֶעהֵייסְן ר' מָרְדְּכַי, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי דְרַיי גְּבִירִים וָואס זֵיי פְלֶעגְן שְׁטִיצְן דֶעם רֶבִּי'ן עֶר הָאט גֶעהַאט אַן אַכְסַנְיָה דָארְט, אִיז זִי אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דֶעם ר' מָרְדְּכַי.

הָאט מֶען גֶעזָאגְט צוּ רֶבִּי נָתָנ'עֶן, אַז חַיָה'קֶע אִיז גֶעקוּמֶען מִיט נַחְמֶנְ'יוּ, אוּן שְׁטֵייט אֵיין בַּיי מָרְדְּכָי'ן"! הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן אָנְגֶערוּפְן:

**"אַזוֹי אִיז, פּוּרִים שְׁטֵייט אֵיין נַחְמָן בַּיי מָרְדְּכַי, פֶּסַח שְׁטֵייט עֶר אֵיין בַּיי דֶער אוֹר פוּן פֶּסַח"**



## לָאזְן אַ חַבֵר אַלֵיין?!

**קִינְדֶער לָאמִיר כַאפְּן אַ שְׁפַּאצִיר פּוּרִים אִין טְרָאוִויץ אִין שְׁטוּב פוּן ר׳ סֶענְדֶער טְרָאוִויצֶער.**

דִי הֵיילִיגֶע חַבוּרָה פוּן ר׳ סֶענְדֶער מִיט זַיין בְּרוּדֶער ר׳ לֵייבּ אוּן נָאךְ עֶטְלִיכֶע חֲבֵרִים זֶענֶען זִיךְ יֶעצְט צַאמְגֶעקוּמֶען צוּ פְרַאוֶוען אִינְאֵיינֶעם דֶעם סְעוּדַת פּוּרִים. וֶוען אוּנְזֶערֶע לַייט טְרֶעפְן זִיךְ פּוּרִים, אַהָא!! אִיז דָאס גֶעוָואלְדִיג!! מֶען שְׁרַייט צוּם בַּאשֶׁעפֶער פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הָאָרֶץ. מֶען טוּט תְּשׁוּבָה מִיט שִׂמְחָה אוּן גֶעוויין. דִי דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי׳ן גִיסְט זִיךְ אַרוֹיס אַסַאךְ אַסַאךְ מֶער פוּן דִי וויין וָואס מֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְרִינְקֶן, גְלַייךְ דֶערְנָאךְ אִיז אַוַודְאַי נִישְׁט קֵיין שְׁאֵלָה אַז עֶס הֵייבְּן זִיךְ דִי פִּיס אוּן מֶען גֵייט אַרוֹיס אִין אַ פְּרֵיילִיכֶער טַאנְץ.

טַאקֶע דָאס אִיז יֶעצְט דָאס בִּילְד אִין שְׁטוּב פוּן ר׳ סֶענְדֶער. דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט אַז פּוּרִים פְלֶעגְט מֶען זַייעֶר אַסַאךְ טַאנְצְן. פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז פוּן אַזוֹיפִיל טַאנְצְן אִיז ר׳ לֵייבּ אַנִידֶער גֶעפַאלְן צוּ דֶער עֶרְד אוּן גֶעפַאלְן אִין אַ טִיפֶער שְׁלָאף.

דִי חֲבֵרִים ווִילְן אָבֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי רִקוּדִים, אָבֶער דָא לִיגְט אֵיינֶער אוֹיסְגֶעצוֹיגְן אִינְגַאנְצְן פַּאר׳שִׁכּוֹר׳ט, מֶען קֶען אַזוֹי נִישְׁט מַמְשִׁיךְ זַיין. הָאבְּן דִי חֲבֵרִים אִים גֶעלָאזְט לִיגְן אוּן אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין אַן אַנְדֶערְן צִימֶער צוּ מַמְשִׁיךְ זַיין מִיטְן טַאנְצְן. ר׳ לֵייבּ אִיז גֶעבְּלִיבְּן לִיגְן אִינֶעם עֶרְשְׁטְן צִימֶער אַלֵיינְס אוֹיף דֶער עֶרְד אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין גָאר אַ טִיפְן שְׁלָאף.

וֶוען עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט אוּן דִי וויין הָאט זִיךְ שׁוֹין אַבִּיסְל אוֹיסְגֶעוֶועפְּט - ר׳ לֵייבּ דֶערְוֶועקְט זִיךְ אוּן זֶעט זִיךְ אַלֵיין אִין צִימֶער אָן חֲבֵרִים, לוֹיפְט עֶר אַרַיין אִין אַנְדֶערְן צִימֶער אוּן שְׁרַייט אוֹיס: "דָאס אִיז חֲבֵרִים? אִיר לָאזְט מִיר לִיגְן אוּן מֶען גֵייט זִיךְ אַוֶועק? דָארְט אוֹיף יֶענֶעם וֶועלְט וֶועט אִיר אוֹיךְ אַזוֹי טוּן - דָארְטְן בְּעָלְמָא דִקְשׁוֹט?! אִיר וֶועט מִיר אִיבֶּערְלָאזְן אַלֵיין - פַאר אַייךְ וֶועט מֶען גֶעבְּן דָארְטְן אַ גְרוֹיסְן 'גַן עֵדֶן' אוּן מִיר וֶועט אִיר אָפְּלָאזְן?!"

דִי חֲבֵרִים הָאבְּן אַיינְגֶעזֶען אַז ר׳ לֵייבּ אִיז גֶערֶעכְט, מֶען קֶען נִישְׁט לָאזְן אַ חַבֵר אַלֵיין!! הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט צְווִישְׁן זִיךְ אַ 'כְּרִיתוּת בְּרִית' אַ בּוּנְד, אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ דָארְטְן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט אוֹיךְ זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם!

**טַייעֶרֶע קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען מִיר זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה?** אַז מִיר דַארְפְן אִינְזִינֶען הָאבְּן דִי חֲבֵרִים, סְפֶּעצִיעֶל יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט פּוּרִים זָאלְן מִיר מִתְפַּלֵל זַיין פַאר דִי נָאנְטֶע חֲבֵרִים אוּן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל וֶועלְכֶע קֶענֶען נִיצְן אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת. לָאמִיר אַרוֹיסְכַאפְּן כָאטְשׁ פִינֶעף גְרוֹיסֶע מִינוּט מֶשֶךְ דֶעם טָאג פּוּרִים אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן בֶּעטְן פוּן הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ זָאל אוּנְז שִׁיקְן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אוּן בְּעִקָר דִי גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, עֶס זָאל נִתְגַלֶה וֶוערְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער׳ס נָאמֶען אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט.



# ״דֶעם רֶבִּינְ׳ס ״פּוּרִים רָב״



יַעֲמוֹד יַעֲמוֹד יַעֲמוֹד... יַעֲמוֹד יַעֲמוֹד... יַעֲמוֹד...

טַייעֶרֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.... יַעֲמוֹד...

תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן... יַעֲמוֹד....

בְּרֶסְלֶבְר חֲסִידִים... יַעֲמוֹד...

שְׁלֵמִים יְרֵאִים וּתְמִימִים... יַעֲמוֹד...

וָואס לֶערְנֶען אִין חֵדֶר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן דֶער נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה... י ע מ ו ד...

וֶועלְן מִיר גֵיין מְקַיֵים מִצְוֹות שִׂמְחַת פּוּרִים בִּקְדֻשָּׁה וְטָהֳרָה

אַזוֹי וִוי עֶס קוּמְט שׁוֹין צוּ גֵיין דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים

לָאמִיר זִיךְ מְחַזֵק זַיין צוּזַאמֶען מִיטְן רֶבִּינְ׳ס לִיכְטִיגֶע דִיבּוּרִים

נָאר אֵיידֶער מִיר הֵייבְּן אָן צוּ שְׁמוּעֶסְן

דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן וִויסְן

אַז פוּן דֶער רֶבִּינְ׳ס קְוַואל קֶען מֶען גֶענִיסְן

נָאר אוֹיבּ מֶען גֵייט מִיט תְּמִימוּת

אוּן מֶען הִיט זִיךְ אֲפִילוּ פוּן אַ פִּינְטֶעלֶע לֵיצָנוּת

אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער תָּם פוּן דִי מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי׳ן

וָואס הָאט אוּנְז אַ שֵׁיינֶע וֶועג גֶעגֶעבְּן

כָאטְשׁ מֶען הָאט פוּן אִים גֶעלַאכְט

אוּן פוּן זַיין תְּמִימוּת חוֹזֶק גֶעמַאכְט

הָאט עֶר אַוֶועקגֶעלֵייגְט אַלֶע שֵׁיינֶע הֲבָנוֹת

אוּן גֶעזָאגְט: ״נָאר אָן קַיין לֵיצָנוּת!״

לֵיצָנוּת אִיז קְלִפַּת עֲמָלֵק עֶס קִילְט אָפּ אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת

אַ קְלֵיין וֶוערְטְל קֶען אָנְמַאכְן צָרוֹת צְרוּרוֹת

נִישְׁט אַלֶע וַוייסְן אָבֶער דִי גַאנְצֶע שְׁוֶוערֶע מַחֲלוֹקֶת וָואס הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוֹיפְן ר׳ נָתָן זַ״ל דֶער גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד פוּן

הדפסת הגליון נתנדב
ע״י ר׳ ישראל אהרן פישמאן הי״ו
לרגל אירוסי בנו שמעון עוזר למזל טוב

רֶבִּי'ן אִיז אַלֶעס גֶעקוּמֶען פוּן אֵיין קְלֵיין וֶוערְטְל...

אַיי אַיי אַיי אַז מִיר הַאלְטְן יֶעצְט פַּארְן יוֹם טוֹב פּוּרִים

טַייעֶרֶע קִינְדֶער לָאמִיר זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אַן אֱמֶת'ע אִידִישֶׁע פְרֵייד

פִּקּוּדֵי ה' יְשָׁרִים מְשַׂמְּחֵי לֵב

יֶעדֶע פָּשׁוּטֶ'ע וָוארְט לִכְאוֹרָה

וָואס מֶען לֶערְנְט אוּן זָאגְט אִיבֶּער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה

קֶען מַאכְן פְרֵיילֶעךְ, לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה

בִּפְרָט מִיר בְּרֶסְלֶבְ'ער חֲסִידִים

דַארְפְן אַוַדְאַי טַאנְצְן לַיְּהוּדִים... לַיְּהוּדִים...

וָואס מִיר הָאבְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דִי הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים

דִי מַעֲשִׂיּוֹת, דִי שִׂיחוֹת, דִי תּוֹרוֹת

אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע גֶעוַואלְדִיגֶע אוֹרוֹת

וָואס קֶען אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן אַלֶע טִיפֶע בּוֹרוֹת

עֶס דֶערְוֶועקְט דִי הַארְץ אוּן מַאכְט אוּנְז וָואךְ

דַארְפְן מִיר זַיין מְשֻׁנֶּה פְרֵיילַאךְ אוּן טַאנְצְן בִּיזְן דַאךְ

אַיי אוּן אַמָאל אַז מֶען פַאלְט

דֶער בַּעַל דָבָר מַאכְט קַאלְט

דַארְפְן מֶען זִיךְ גֶעבְן אַ דֶערְהַאלְט

אוֹיף ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער דֶערְצֵיילְט מֶען אַמָאל אִין וִוינְטֶער אִיז עֶר גֶעלָאפְן אוֹיף דִי שְׁנֵיי, וֶוען פְּלוּצְלוּנְג הָאט עֶר גֶעגֶעבְן אַ גוּטְן גְלִיטְשְׁט... עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְן לִיגְן אוֹיף דִי שְׁנֵיי ... אִיז אַרִיבֶּער דָארְט עֶפֶּעס אַ אַלְטֶע בַּאבִּיטְשְׁקֶע, הָאט זִי אִים גֶעזָאגְט: "וֵוייסְט פַּארְוָואס דוּ בִּיסְט גֶעפַאלְן? וַוייל דוּ בִּיסְט אַ בְּרֶסְלֶבְר וֶועגְן דֶעם בִּיסְטוּ אַרָאפְּגֶעפַאלְן!!..."

ווי ר' נַחְמָן הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אוּן גֶעזָאגְט צוּ דִי בַּאבִּיטְשְׁקֶע: "חָשׁוּבֶ'ע רֶעבֶּעצִין גֶעפַאלְן בִּין אִיךְ וַוייל דִי שְׁנֵיי גְלִיטְשְׁט... אָבֶער וַוייל אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶבְ'ער הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְן!!

אִי אִי אִי אַמָאל קוּמְט דֶער אַלְטֶער זֶעצֶער דֶער זָקֵן וּכְסִיל

אוּן לַאכְט אָפּ פוּן אַלֶע גוּטֶע רְצוֹנוֹת וָואס אַ אִידִישׁ קִינְד וִויל

עֶר זָאגְט וָואס בְּרֶסְלֶבְ'ער?! וֶוען בְּרֶסְלֶבְ'ער?!

קוּק זִיךְ אַלֵיין אָן, בִּיזְט דָאךְ אִינְגַאנְצְן אַ גְרִינֶער

זֶעה דֶער, קוּק יֶענֶער

**דער געווינער פון 'גאר מיין זאך איז תפלה' פרשת תרומה איז**
**הילד החשוב נחמן דוב הלפרין**

**מען קען אפנעמען די מתנה אין חדר ברסלב ביי ר' יואל יאראוויטש, בית שמש**

**אדער ביי ר' משה געפנר ירושלים, אדער בן איש חי 54 דירה 11**

אַלֶע זֶעהֶען אוֹיס בֶּעסֶער אוּן שֶׁענֶער...

אַיי קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען ר׳ נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער

פַּאלְן פַּאלְט מֶען וַוייל אַזוֹי גֵייט דִי וֶועלְט

דֶער בַּעַל דָּבָר זִיצְט נִישְׁט מִיט צוּגֶעלֵייגְטֶע הֶענְט

אָבֶער גֶעוַואלְד! וֶועגְן אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶבְ׳ער קֶען אִיךְ זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן

זִיךְ נִישְׁט לָאזְן! נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אוֹיפְגֶעבְּן!

דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אֲפִילוּ אִין דֶעם נִידְרִיגְסְטְן אָרְט

קֶען מֶען שְׁרֵייעֶן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פוּן דָארְט

ר׳ מֵאִירְ׳ל פְּרֶעמִישְׁלַאנֶער פְּלֶעגְט זָאגְן:

כִּי אַתָּה שׁוֹמֵעַ תְּפִילַּת כָּל פֶּה

אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז נֶעבֶּעך אִינְגַאנְצְן פֶּה... פֶּה...

הֶערְט דֶער דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אוֹיךְ זַיין תְּפִלָּה

דָאס קוּמְט אוֹיסְלֶערְנֶען יֶעדֶעם אֵיינֶעם טַאקֶע

אֲפִילוּ מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אַזוֹי ווִי אַ אַלְטֶע שְׁמוּצִיגֶע שְׁמַאטֶע

דָאךְ קֶען מֶען הֵייבְּן דִי אוֹיגְן צוּם הִימְל אוּן שְׁרֵייעֶן טַאטֶע, טַאטֶע

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם:

יַעֲמוֹד יַעֲמוֹד יַעֲמוֹד.... יַעֲמוֹד יַעֲמוֹד...

י ע מ ו ד....

אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט גֶעפַאלְן אִינְגַאנְצְן... יַעֲמוֹד...

שְׁטֶעל זִיךְ אוֹיף, אוּן הוֹיבּ אָן צוּ טַאנְצְן... יַעֲמוֹד...

דֶער רֶבִּינְ׳ס וֶועג אִיז אֵייבִּיג יַעֲמוֹד...



נָאר וַוארְטְן אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן בֶּעטְן יַעֲמוֹד... י ע מ ו ד....

ר׳ נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט גֶעשְׁרִיבְּן וֶוען רֶבִּי נָתָן פְּלֶעגְט רֶעדְן פוּן תּוֹרָה ע״ד (אין ליקו״מ) וואוּ דֶער רֶבִּי רֶעדְט וֶועגְן פּוּרִים, אַז פּוּרִים אִיז אַ הֲכָנָה צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, הָאט דֶער רֶבִּי מְרַמֵּז גֶעוֶוען גֶעוַואלְדִיגֶע תְּנוּעוֹת מִיט דִי אוֹיגְן אוּן זַיינֶע הֶענְט וָואס מֶען הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן דֶעם אַז עֶס אִיז מְרוּמָז אִין דֶעם סוֹדוֹת נוֹרָאִים, הֵיילִיגֶע זַאכְן וָואס מֶען קֶען עֶס גָארְנִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן, בִּפְרָט וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט הוֹיךְ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע שְׁטִימֶע אֶט דִי הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים: ״אִין אָנְהוֹיבּ אִיז אַלֶע הַתְחָלוֹת גֶעוֶוען פוּן פֶּסַח וָואס וֶועגְן דֶעם זָאגְן מִיר בַּיי אַלֶע מִצְוַת ״זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרַיִם״ אוּן הַיינְט.....״

אַיי אַיי אוּן הַיינְט... אוּן הַיינְט... הָאט רֶבִּי נָתָן אוֹיסְגֶעצוֹיגְן דִי וֶוערְטֶער מִיט אַ נִיגּוּן אוּן אִיז גֶעבְּלִיבְּן וַוארְטְן שְׁטִיל

אַפָּאר רְגָעִים

און הַיינְט הֵייבְּט זִיךְ אַן אַלֶע הַתְחָלוֹת פוּן פּוּרִים

פּוּרִים אִיז אַ עֵת רָצוֹן, אַ צַייט זִיךְ צוּ גֶעבְּן אַ נֶעם

אָנְהוֹיבְּן אַרַיינְצוּגֵיין אִין עֲבוֹדַת ה׳



וֶועט אֵיינֶער זָאגְן לָאמִיר וַוארְטְן אוֹיף פּוּרִים

עֶר הָאט שׁוֹין עִנְיָנִים מִיט גַאנְצֶע סִפּוּרִים

עֶר הָאט אַ גוּטֶע קַבָּלָה

ווִיל עֶר מַאכְן אַ שֵׁיינֶע הַתְחָלָה

פּוּרִים אִינְדֶערְפְרִי נָאכְן לֵיינֶען דִי מְגִלָּה...

אָדֶער אֶפְשָׁר אִין דִי סְעוּדָה בַּיים טִישׁ

צְווִישְׁן דֶעם גְלֶעזְל וַויין מִיט דִי פִּישׁ

דֶערְוַוייל גִיבְּט זִיךְ דֶער גַאנְצֶער פּוּרִים אַ פַארְוִוישׁ

לֶערְנְט אוּנְז רֶבִּי נָתָן און הַיינְט... ! הַיוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמְעוּ

הַיינְט ! קֶען מֶען זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען גוּטֶע קַבָּלוֹת

הַיינְט ! קֶען מֶען אָנְהוֹיבְּן פְרִישֶׁע הַתְחָלוֹת

לָאז נִישְׁט אוֹיף שְׁפֶּעטֶער, וַוארְט נִישְׁט

אוֹיף פּוּרִים

נֶעם הַיינְט צוּם הַארְצְן דִי הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים

און הַיינְט... זָאגְט רֶבִּי נָתָן הָאט עֶר עֶקְסְטֶערֶע כַּוָונָה

הֵייבּ אָן הַיינְט, וֶועסְטוּ קוּמֶען צוּם פּוּרִים מִיט דִי רִיכְטִיגֶע הֲכָנָה

אַיי אַיי און הַיינְט... און הַיינְט... לֶערְנֶען מִיר נָאךְ

מֶענְטְשְׁן זָאגְן הַיינְטִיגֶע צַייטְן אַ בְּרָאךְ

סְאִיז שְׁוַואכֶע דוֹרוֹת...

סְ'אִיז הוֹיכֶע תּוֹרוֹת....

נִישְׁטָא קַיין אוֹרוֹת...

קְלִפַּת עֲמָלֵק פְּרָאבִּירְט אוּנְז פַארְשְׁוַוארְצְן

עֶס ווִיל אוּנְז פַארְלֶעשְׁן דֶעם ווִילְן פוּן הַארְצְן

עֶר זָאגְט דִי זְמַנִּים טוּעֶן זִיךְ בַּייטְן

זַיין אַ אִישׁ כָּשֵׁר הָאט מֶען גֶעקֶענְט נָאר עַמָלִיקֶ'ע צַייטְן...

לֶערְנְט אוּנְז רֶבִּי נָתָן און הַיינְט... און הַיינְט... און הַיינְט...

דֶער כֹּחַ פוּן רֶבִּי'ן בִּיז הַיינְטִיגֶע דוֹרוֹת סְ'שַׁיינְט

המשך אויף לעצטע זייט

# ~ דִי צְוֶועלֶעְווֹטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

## דֶער בַּעַל תְּפִלָּה 9




**אוּן דֶער מְמוּנָה אִיז זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם גִבּוֹר אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוּמְגִיקֶערְט אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין.** (אוּן דֶער מְמוּנָה פְלֶעגְט זֵיי בְּוַודְאַי אוֹיךְ זַייעֶר שְׁטְרָאפְן אוֹיף זַייעֶר שְׁלֶעכְטִין וֶועג וָואס זֵיי זֶענֶען אַרַיין גִיפַאלִין אִין דֶעם גֶעלְט. נָאר עֶר הָאט זֵיי נִיט גִיקָאנְט אַרוֹיס פִירִין דֶערְפוּן. וָוארִין זֵיי זֶענֶען שׁוֹין דְרִינֶען זַייעֶר אַיינְגִיוָוארְצִילְט גִיוֶוען. נָאר פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט מַחְמַת דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אוּן דֶער מְמוּנָה הָאבִּין שׁוֹין מִיט זֵיי פִיל גִישְׁמוּסְט זֶענֶען זֵיי שׁוֹין אַבִּיסִיל מְבוּלְבָּל גִיוָוארִין. אוּן זֵיי פְלֶעגִין זָאגִין. אַדְרַבָּא. נֶעמְט אוּנְז אַרוֹיס דֶערְפוּן. חָאטְשֶׁע זֵיי הָאבִּין זִיךְ נָאךְ גִיהַלְטִין שְׁטַארְק אִין זַייעֶר נַארִישֶׁער דֵעָה. אוּן הָאבִּין גָאר נִיט גִיוָואלְט אַרוֹיס פוּן זַייעֶר נַארִישְׁקֵייט. נָאר זֵיי פְלֶעגִין שׁוֹין פָּארְט זָאגִין אַז מֶע הָאט זֵיי גִישְׁטְרָאפְט. אַדְרַבָּא. אַז סֶע אִיז יוֹא אַזוֹי. אַז מִיר זֶענֶען אִין טָעוּת. נָא נֶעמְט אוּנְז אַרוֹיס פוּן אוּנְזֶערֶע נַארִישְׁקֵייט).

**הָאט דֶער מְמוּנָה זִיךְ אָנְגִירוּפִין צוּ דֶער מְדִינָה. אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבִּין אֵיין עֵצָה** (אַקֶעגִין דֶעם גִבּוֹר) **וָוארִין אִיךְ וֵוייס דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם גִבּוֹר. פוּן וַואנֶעט עֶר נֶעמְט זַיין גְבוּרָה. אוּן הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט דִי זַאךְ פוּן דֶער שְׁוֶוערְד הַנַּ"ל וָואס פוּן דָארְט נֶעמְט דֶער גִבּוֹר זַיין גְבוּרָה. בְּכֵן וֶועל אִיךְ מִיט אַייךְ גֵיין צוּ דֶעם אָרְט פוּן דֶער שְׁוֶוערְד הַנַּ"ל. אוּן דָארְךְ דֶעם וֶועט אִיר קֶענֶען בַּאשְׁטֵיין אַקֶעגִין דֶעם גִבּוֹר.** (וָוארִין אִיר וֶועט זִיךְ אוֹיךְ נֶעמֶען גְבוּרָה פוּן דָארְט).

**אוּן דִי כַּוָונָה פוּן דֶעם מְמוּנָה אִיז גִיוֶוען. אַז זֵיי וֶועלִין שׁוֹין אַהִין קוּמֶען צוּ דֶעם אָרְט פוּן דֶעם שְׁוֶוערְד. וֶועלִין זֵיי זִיךְ שׁוֹין אַרוֹיס פוּן זַייעֶר תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט.** (וָוארִין דָארְךְ דֶעם וֶועג וָואס סֶע אִיז צוּ דֶער שְׁוֶוערְד. דָארְךְ דֶעם נֶעמְט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט כַּנַּ"ל).

**הָאט דִי מְדִינָה צוּ גִינוּמֶען זַיין עֵצָה. אוּן הָאבִּין אַרוֹיס גִישִׁיקְט דִי גְרוֹיסֶע לַייט פוּן זֵיי וָואס זֵיי זֶענֶען בַּיי זֵיי גִיוֶוען גָאטִין. אַז זֵיי זָאלִין אִין אֵיינֶעם גֵיין מִיט דֶעם מְמוּנָה צוּ דֶער שְׁוֶוערְד הַנַּ"ל.** (אוּן דִי גָאטִין דְהַיְינוּ דִי עַשִׁירִים זַייעֶרֶע וָואס זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען מִיט דֶעם מְמוּנָה. זֶענֶען בְּוַודְאַי גִיגַאנְגֶען אָנְגִיטָאן אִין צִירוּנְג פוּן גָאלְד אוּן זִילְבֶּער. וָוארִין דָאס אִיז זִיךְ בַּיי זֵיי דֶער עִיקָר גִיוֶוען).

**זֶענֶען זֵיי אִין אֵיינֶעם גִיגַאנְגֶען. דֶער מְמוּנָה מִיט דִי גְרוֹיסֶע לַייט פוּן דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי הֵייסִין בַּיי זֵיי גָאטִין.**

הָאט דֶער מְמוּנָה מוֹדִיעַ גִיוֶוען דִי זַאךְ צוּ גִבּוֹר. בַּאֲשֶׁר עֶר גֵייט מִיט זֵיי זוּכִין דָאס אָרְט פוּן דֶער שְׁוֶוערְד. אוּן זַיין כַּוָונָה אִיז. טָאמֶער וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אִין וֶועג צוּ גִיפִינֶען דֶעם מֶלֶךְ מִיט דִי לַייט.

**הָאט זִיךְ דֶער גִבּוֹר אָנְגִירוּפִין. אִיךְ וֶועל אוֹיךְ גֵיין מִיט דִיר הָאט זִיךְ דֶער גִבּוֹר פַארְשְׁטֶעלְט.** (כְּדֵי דִי לַייט וָואס זֵיי גֵייעֶן מִיט דֶעם מְמוּנָה זָאלִין נִיט וִויסִין אַז עֶר אִיז דָאס דֶער גִבּוֹר אַלֵיין) **אוּן אִיז אוֹיךְ גִיגַאנְגֶען מִיט דֶעם מְמוּנָה.**

**הָאבִּין זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען** (דֶער מְמוּנָה מִיט דֶעם גִבּוֹר) זֵיי וֶועלִין דָאס מוֹדִיעַ זַיין דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה אוֹיךְ. הָאבִּין זֵיי אִים מוֹדִיעַ גִיוֶוען. הָאט זִיךְ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אָנְגִירוּפִין. עֶר וִויל אוֹיךְ גֵיין מִיט זֵיי.

**אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה צוּ זֵיי גִיגַאנְגֶען.** אוּן דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט אָנְגִיזָאגְט זַיינֶע לַייט. אֵיידֶער עֶר אִיז אַוֶועק גִיגַאנְגֶען. אַז זֵיי זָאלִין דְרוֹיף מִתְפַּלֵל זַיין אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זָאל זֵיי מַצְלִיחַ זַיין זַייעֶר וֶועג. אַז זֵיי זָאלִין זוֹכֶה זַיין צוּ גִיפִינֶען דֶעם מֶלֶךְ מִיט דִי לַייט. וָוארִין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פְלֶעגְט תָּמִיד דְרוֹיף מִתְפַּלֵל צוּ זַיין. אַז סֶע זָאלִין זִיךְ אָפְּזִיכִין דֶער מֶלֶךְ מִיט דִי לַייט. **אוּן פְלֶעגְט תָּמִיד הֵייסִין זַיינֶע לַייט אַז זֵיי זָאלִין אוֹיךְ דְרוֹיף מִתְפַּלֵל זַיין.** אוּן עֶר הָאט זֵיי גִימַאכְט תְּפִילוֹת וָואס זֵיי זָאלִין דְרוֹיף מִתְפַּלֵל זַיין. אוּן אִיצְט וִוי עֶר הָאט גִיוָואלְט גֵיין צוּ דֶעם מְמוּנָה מִיט דֶער גִבּוֹר כְּדֵי זֵיי זָאלִין אִין אֵיינֶעם גֵיין זוּכִין דֶעם מֶלֶךְ מִיט זַיינֶע לַייט. הָאט עֶר זֵיי נָאךְ מֶער אָנְגִיזָאגְט. אַז זָאלִין דְרוֹיף מִתְפַּלֵל זַיין תָּמִיד. אַז זֵיי זָאלִין זוֹכֶה זַיין צוּ גִיפִינֶען זֵיי.

**אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיקוּמֶען** צוּ דֶעם מְמוּנֶה מִיט דֶעם גִבּוֹר אִיז בְּוַודַאי צְווישְׁן זֵיי גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה. שִׂמְחוֹת אוּן בְּכִיּוֹת כַּנַּ"ל.

**זֶענֶען די אַלֶע דְרַיי גִיגַאנְגֶען אִין אֵיינֶעם.** דְהַיינוּ דֶער מְמוּנֶה אוּן דֶער גִבּוֹר אוּן דֶער בַּעַל תְּפִלָּה. אוּן די גַאטְין דְהַיינוּ די גְרוֹיסֶע לַייט פוּן דֶער מְדִינָה זֶענֶען מִיט זֵיי גִיגַאנְגֶען.

**זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען.** זֶענֶען זֵיי אָנְגִיקוּמֶען צוּ אֵיין מְדִינָה. אִיז דָארְטְין גִישְׁטַאנֶען וַוארְטִיס בַּיי דֶער מְדִינָה. הָאבִּין זֵיי גִיפְרֶעגְט די וַוארְטִיס. וָואס פַאר אַ מְדִינָה אִיז דָאס אוּן וֶוער אִיז בַּיי אַייךְ דֶער מֶלֶךְ. הָאבִּין די וַוארְטֶעס גִיעֶנְפֶערְט. בַּאֲשֶׁר. דֶעמוּלְט אַז דֶער רוּחַ סְעָרָה אִיז גִיוֶוען. וָואס דֶעמוּלְט אִיז די וֶועלְט צוּטֵיילְט גִיוָוארִין אוֹיף כַּמָּה כִּתּוֹת (דְהַיינוּ אוֹיף פִיל דֵעוֹת וָואס אִיטְלִיכֶע כִּתָּה הָאט גִיהַאט אֵיין אַנְדֶערֶע דֵעָה כַּנַּ"ל) **דֶעמוּלְט** הָאבִּין די לַייט פוּן דֶער מְדִינָה זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבִּין. **אַז דֶער עִיקָר אִיז חָכְמָה.** אוּן הָאבִּין זִיךְ אוֹיף גִינוּמֶען אַ גְרוֹיסִין חָכָם פַאר אַ מֶלֶךְ. נִיט לַאנְג. הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען זֵייעֶר אַ וְוילְד גְרוֹיסִין חָכָם וָואס עֶר אִיז מְשׁוּנֶה אַ גְרוֹיסֶער חָכָם זֵייעֶר. הָאט אִים דֶעם מֶלֶךְ מוֹחֵל גִיוֶוען די מְלוּכָה הָאבִּין זֵיי אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ. וָוארִין בַּיי זֵיי אִיז דֶער עִיקָר חָכְמָה.

**הָאבִּין די דְרַיי גִיזָאגְט** (דְהַיינוּ דֶער מְמוּנֶה מִיט דֶעם גִבּוֹר מִיט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה) אַז סֶע הָאט אַ פָּנִים אַז דָאס מוּז זַיין אוּנְזֶער חָכָם (דְהַיינוּ דֶער חָכָם פוּן דֶעם מֶלֶךְ) הָאבִּין זֵיי גִיבֶּעטְין. אוֹיבּ סֶע אִיז מֶעגְלִיךְ אַז מֶע זָאל זִיךְ זֶעהְן מִיט אִים הָאט מֶען זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. מֶע מוּז מֶעלְדִיוֶוען. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין גִימֶעלְדִיוֶועט הָאט עֶר גִיהֵייסִין זֵיי אַרַיין גֵיין.

**זֶענֶען זֵיי** (דְהַיינוּ די דְרַיי) אַרַיין גִיקוּמֶען צוּ דֶעם חָכָם וָואס עֶר אִיז גִיוָוארִין מֶלֶךְ אִין דֶער מְדִינָה. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע דֶערְקֶענְט וָוארִין דֶער חָכָם. דָאס אִיז טַאקֶע גִיוֶוען דֶער חָכָם פוּן דֶעם מֶלֶךְ הַנַּ"ל. אִיז בְּוַודַאי דָארְט גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה. שִׂמְחוֹת אוּן בְּכִיּוֹת. וָוארִין זֵיי הָאבִּין גִיוֵויינְט ווי גִיפִינְט מֶען נָאךְ דֶעם מֶלֶךְ מִיט די אִיבְּרִיגֶע.

**הָאבִּין זֵיי גִיפְרֶעגְט דֶעם חָכָם.** אוֹיבּ עֶר וֵוייסְט נִיט פוּן דֶער יַד פוּן דֶעם מֶלֶךְ. הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. אַז די יַד אִיז בַּיי אִים. נָאר זִינְט דֶעמוּלְט אַז זֵיי זֶענֶען צוּ שְׁפְּרֵייט גִיוָוארִין דוּרְךְ דֶעם רוּחַ סְעָרָה. פוּן דֶעמוּלְט אָן ווִיל עֶר גָאר נִיט אַרַיין קוּקִין אִין דֶער יַד אַרַיין. וָוארִין די יַד קֶער נָאר צוּם מֶלֶךְ אַלֵיין. נָאר עֶר הָאט זִיךְ אוֹיס גִיקְרִיצְט דָאס גִישְׁטַאלְט פוּן דֶער יַד אוֹיף אַ שְׁטֵיין כְּדֵי סֶע זָאל אִים אַבִּיסִיל נוּצִין צוּ זַיין זַאךְ. אָבֶּער אִין דֶער יַד אַלֵיין קוּקְט עֶר גָאר נִיט אַרַיין.

**הָאבִּין זֵיי גִישְׁמוּסְט מִיט דֶעם חָכָם.** ווי אַזוֹי עֶר אִיז אַהֶער גִיקוּמֶען הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט. אַז זִינְט דֶעמוּלְט אַז דֶער רוּחַ סְעָרָה אִיז גִיוֶוען אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען ווי עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען. (אוּן ווי עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען. אִיז עֶר אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען אַלֶע נָאר אִיבֶּער זֵיי דְרַיי דְהַיינוּ אִיבֶּער דֶעם אָרְט פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה מִיט דֶעם גִבּוֹר מִיט דֶעם מְמוּנֶה אִיז עֶר נִיט אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען) בִּיז די מְדִינָה הָאבִּין אִים גִיפוּנֶען. אוּן הָאבִּין אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ. אוּן לְעֵת עַתָּה דֶערְוַוייל מוּז עֶר זֵיי פִירִין וֶועדְלִיג זֵייעֶר וֶועג. וֶועדְלִיג זֵייעֶרֶע חָכְמוֹת. בִּיז דֶערְנָאךְ וֶועט עֶר זֵיי אַרוֹיס פִירִין אוֹיף דֶעם רֶעכְטִין אֱמֶת.

**הָאבִּין זֵיי גִישְׁמוּסְט מִיט דֶעם חָכָם.** מִכֹּחַ דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי פַארְפִירְט גִיוָוארִין אִין דֶעם גֶעלְט. כַּנַּ"ל. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיזָאגְט וֶוען מִיר זָאלִין מֶער נִיט פַארְוָוארְפִין ווערִין. אוּן צוּשְׁפְּרֵייט וֶוערִין. נָאר פוּן דֶער מְדִינָה וֶועגִין כְּדֵי מֶע זָאל זֵיי פַאר רֶעכְטִין אוּן אוּם קֶערִין צוּם אֱמֶת. אִיז אוֹיךְ כְּדַאי. וָוארִין די זֶענֶען אַזוֹי פַארְפִירְט גִיוָוארִין.

**וָוארִין צוּם אֱמֶת די אַלֶע כִּתּוֹת הַנַּ"ל** וָואס אִיטְלִיכֶע הָאט זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבְּן אִיר נַארִישְׁקֵייט. די הָאבְּן גִיוָואלְט כָּבוֹד. אוּן די רְצִיחָה וְכוּ' כַּנַּ"ל. זֶענֶען זִיךְ אַלֶע פַארְפִירְט גִיוֶוען. אוּן מֶע הָאט זֵיי אַלֶע בַּאדַארְפְט אַרוֹיס פִירִין אוֹיף דֶעם רֶעכְטִין תַּכְלִית. וָוארִין אַפִילוּ די כִּיתָּה וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבִּין אַז דֶער תַּכְלִית אִיז חָכְמָה. די הָאבִּין אוֹיךְ נִיט דֶערְלַאנְגְט דֶעם אֱמֶתִין תַּכְלִית. אוּן זֵיי בַּאדַארְף מֶען אוֹיךְ

אַרוֹיס פִּירִין דֶערְפוּן. וָוארִין זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיהַאלְטְן אִין חָכְמוֹת חִיצוֹנִיוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסִית.

**לוּשְׁמִיר פוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייט** קָאן מֶען גְרִינְגֶער אַרוֹיס פִּירִין. אָבֶּער דִי דָאזִיגֶע. זֶענֶען אַזוֹי פַּארְפִירְט גִיוָוארִין אִין דֶער עֲבוֹדָה זָרָה פוּן גֶעלְט. אוּן זֵיי זֶענֶען דְרִינֶען אַזוֹי אַרַיין גִיפַּאלִין. וָואס סֶע נִיט גִימָאלְט זֵיי אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דֶערְפוּן. אוּן דֶער חָכָם הָאט זֵיי אוֹיךְ גִיעֶנְפֶערְט. אַז עֶר הָאט אוֹיךְ גִיהֶערְט פוּן דֶעם מֶלֶךְ. אַז פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת קָאן מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען. נָאר פוּן דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט קָאן מֶען נִיט אַרוֹיס נֶעמֶען. **סַיידִין דָארְךְ דֶעם וֶועג וָואס סֶע אִיז פַּארְהַאנְדִין צוּ דֶער שְׁוֶוערְד כַּנַּ"ל.**

**הָאט דֶער חָכָם גִיזָאגְט.** עֶר וֶועט אוֹיךְ גֵיין מִיט זֵיי, זֶענֶען זֵיי אַלֶע פִיר גִיגַאנְגֶען. אוּן דִי גָאטִין (דְהַיְינוּ דִי עֲשִׁירִים פוּן דֶער מְדִינָה) זֶענֶען אוֹיךְ מִיט זֵיי גִיגַאנְגֶען.

**זֶענֶען זֵיי גִיקוּמֶען צוּ אֵיין מְדִינָה.** הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גִיפְרֶעגְט דִי וַוארְטִיס. וָואס פַאר אַ מְדִינָה אִיז דָאס אוּן וֶוער אִיז אַייעֶר מֶלֶךְ. הָאט מֶען זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. בַּאֲשֶׁר דֶעמוּלְט אַז דֶער רוּחַ סְעָרָה אִיז גִיוֶוען. דֶעמוּלְט הָאבִּין זִיךְ דִי לַייט פוּן דֶער מְדִינָה אוֹיס גִיקְלִיבִּין. אַז דֶער תַּכְלִית אִיז דֶער דִיבּוּר. הָאבִּין זֵיי אוֹיף גִינוּמֶען. אַ דַבְּרָן אַ בַּעַל לָשׁוֹן פַאר אַ מֶלֶךְ. דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסִין בַּעַל לָשׁוֹן וּמְלִיצָה אוּן אַ דַבְּרָן. הָאבִּין זֵיי אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אֵיין מֶלֶךְ. וָוארִין דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים מוֹחֵל גִיוֶועזְן דִי מְלוּכָה וַוייל עֶר אִיז אַזוֹי אַ בַּעַל לָשׁוֹן.

**הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִישְׁטוּיסִין דָאס מוּז בְּוַודַּאי זַיין דֶער מֵלִיץ** פוּן אוּנְזֶער מֶלֶךְ הַנַּ"ל. הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גִיבֶּעטִין אוֹיבּ סֶע אִיז מֶעגְלִיךְ זִיךְ צוּ זֶעהְן מִיט דֶעם מֶלֶךְ. הָאט מֶען זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. מֶע מוּז מֶעלְדִיוֶוען הָאט מֶען גִימֶעלְדִיוֶועט הָאט עֶר גִיהֵייסִין אַז זֵיי זָאלִין אַרַיין קוּמֶען.

**זֶענֶען זֵיי אַרַיין גִיקוּמֶען צוּ דֶעם מֶלֶךְ.** אוּן דָאס אִיז גִיוֶועזְן דֶער מֵלִיץ פוּן דֶעם מֶלֶךְ. הָאבִּין זֵיי זִיךְ דֶערְקֶענְט אִיז גִיוֶוען צְווִישְׁן זֵיי אוֹיךְ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן בְּכִיּוֹת. אִיז דֶער מֵלִיץ מִיט זֵיי אוֹיךְ גִיגַאנְגֶען.

**זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען זוּכִין.** טָאמֶער וֶועלִין זֵיי גִיפִינֶען דִי אִיבְּרִיקֶע. וָוארִין זֵיי הָאבִּין גִיזֶעהְן אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ הֶעלְפְט זֵיי. זֵיי גִיפִינֶען אַלֶע מָאל זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים. אוּן זֵיי הָאבִּין דָאס אַלְץ אָנְגִיהָאנְגֶען אִין דֶעם זְכוּת פוּן זֵייעֶר כָּשֵׁרִין בַּעַל תְּפִלָּה וָואס עֶר אִיז תָּמִיד מִתְפַּלֵּל דְרוֹיף. אוּן דָארְךְ זַיינֶע תְּפִילוֹת זֶענֶען זֵי זוֹכֶה אַלְץ צוּ גִיפִינֶען זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים.

**זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען** טָאמֶער וֶועלִין זֵיי נָאךְ גִיפִינֶען דִי אִיבְּרִיקֶע. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוּן זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אֵיין מְדִינָה אוּן זֵיי הָאבִּין אוֹיךְ גִיפְרֶעגְט וָואס פַאר אַ מְדִינָה אִיז דָאס אוּן וֶוער אִיז אַייעֶר מֶלֶךְ. הָאט מֶען זֵיי גִיעֶנְפֶערְט אַז זֵיי זֶענֶען פוּן דֶער כִּיתָּה וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבִּין אַז דֶער תַּכְלִית אִיז אַז מֶע זָאל שִׁיכּוֹרִין אוּן פְרֵיילִיךְ זַיין הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיף גִינוּמֶען עֶפֶּעס אַ שִׁיכּוֹר פַאר אֵיין מֶלֶךְ. וָוארִין עֶר אִיז תָּמִיד פְרֵיילִיךְ. דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען אֵיין מֶענְשְׁן וָואס עֶר אִיז גִיזֶעסִין אִין אֵיין יַם פוּן וַויין אִיז עֶר זֵיי זֵייעֶר וואוֹיל גִיפֶעלִין בֶּעסֶער. וָוארִין דֶער אִיז זִיךְ בְּוַודַּאי זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שִׁכּוֹר וָוארִין עֶר זִיצְט זִיךְ אִין אַ יַם פוּן וַויין הָאבִּין זֵיי אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ.

**הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גִיבֶּעטִין** מֶע זָאל זִיךְ מִיט אִים זֶעהְן אִיז מֶען גִיגַאנְגֶען אוּן מֶע הָאט גִימֶעלְדִיוֶועט. זֶענֶען זֵיי אַרַיין גִיגַאנְגֶען צוּ דֶעם מֶלֶךְ אוּן דָאס אִיז גִיוֶוען דֶער אוֹהֵב נֶאֱמָן פוּן דֶעם מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז גִיזֶעסִין אִין דֶעם יַם פוּן וַויין וָואס עֶר אִיז גִיוָוארִין פוּן דִי רֵייד פוּן דֶעם מֵלִיץ וָואס עֶר הָאט גִיטְרֵייסְט זֵיי כַּנַּ"ל. (אוּן דִי מְדִינָה הָאט גִימֵיינְט אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער שִׁיכּוֹר וַוייל עֶר זִיצְט אִין אַ יַם פוּן וַויין הָאבִּין זֵיי אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ).

**וִוי זֵיי זֶענֶען אַרַיין גִיקוּמֶען צוּ אִים.** הָאבִּין זֵיי זִיךְ דֶערְקֶענְט אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע אִיז צְווִישְׁן זֵיי גִיוֶוען אֵיין גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן בְּכִיּוֹת כַּנַּ"ל. אִיז דֶער אוֹהֵב נֶאֱמָן אוֹיךְ גִיגַאנְגֶען מִיט זֵיי.

### תפלה פאר פורים

רַאטֶעוֶוע מִיר פוּן דִי קְלִיפָּה פוּן הָמָן עֲמָלֵק, און אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הֵיילִיגְקַייט פוּן מָרְדְכַי הַצַּדִיק און אֶסְתֵר הַמַלְכָּה.

טַאטֶע, אִיךְ דַארְף יֶעצְט הָאבְּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע נִסִים, און גְרוֹיסֶע פָּארְכְטִיגֶע יְשׁוּעוֹת, אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעטוּן צוּ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִין אַלֶע דוֹרוֹת, נִסִים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים, אִין דִי צַייטְן פוּן מָרְדְכַי און אֶסְתֵר, וֶוען הָמָן הָרָשָׁע יִמַּח שְׁמוֹ וְזִכְרוֹ אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דִי אִידְן.

וָואס דֶער נֵס פוּן פּוּרִים אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע נִסִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן פוּן אַלֶעמָאל. און דוּ הָאסְט אוּנְז צוּאוִויסְן גֶעטוּן דוּרְךְ דַיינֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: אַז "אַלֶע מוֹעֲדִים וֶוען וֶוערְן בָּטֵל אָבֶער דִי טֶעג פוּן פּוּרִים וֶועלְן נִישְׁט בָּטֵל וֶוערְן".

אִין אָנְהֵייבּ זֶענֶען גֶעוֶוען אַלֶע הַתְחָלוֹת פוּן פֶּסַח, וַוייל אַלֶע יָמִים טוֹבִים זֶענֶען אַ זֵכֶר צוּ יְצִיאַת מִצְרַיִם, און הַיינְט....(אִיז אַלֶע הַתְחָלוֹת פוּן פּוּרִים)

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די צוועלעפטע מעשה (9) - פון דער בעל תפילה

**א. וואס ענטפערן די מדינה של עשירות פאר דער ממונה ווען ער פרובירט זיי אויפווייזן דעם אמת?**
- ❑ אונז ווילן נישט הערן
- ❑ אדרבה נעמט אונז ארויס פון אונזער נארישקייט
- ❑ זיי האבן גלייך אפגעלאזט תאוות ממון

**ב. וועלכע עצה האט זיי דער ממונה געגעבן?**
- ❑ אז מ'זאל גיין צום יד פון דעם חכם
- ❑ אז מ'זאל גיין צום בויגן פון דעם גבור
- ❑ אז מ'זאל גיין צום פלאץ פון דעם שווערד

**ג. וועמען האבן זיי מיטגעשיקט מיט דעם ממונה?**
- ❑ די עשירים וואס זענען ביי זיי גאטין
- ❑ די ארימע לייט וואס זענען ביי זיי חיות
- ❑ די פשוטע מענטשן

***ד. שאלת זכות: וואס איז געווען די כוונה פון דעם ממונה מיט'ן גיין צום שווערד?***
- ❑ *צו ארויס נעמען די מדינה של עשירות פון תאוות ממון*
- ❑ *צו טרעפן דעם מלך מיט זיינע מענטשן*
- ❑ *ביידע תשובות זענען ריכטיג*

**ה. האבן די מענטשן פון מדינה של עשירות געוואוסט אז דער גבור איז מיט זיי?**
- ❑ זיכער
- ❑ נאר איינער האט געוואוסט
- ❑ זיי האבן נישט געוואוסט

**ו. וואס האט דער בעל תפלה געטוהן ווען ער האט געהערט אז זיי גייען?**
- ❑ ער איז געבליבן אויף זיין פלאץ דאווענען
- ❑ ער איז צוריק ארויס חוץ לישוב
- ❑ ער איז אויך געגאנגען מיט זיי

**ז. צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם אנגעקומען? און ווער איז זייער קעניג?**
- ❑ צו די כתה פון חכמה און דער חכם איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון דיבור און דער מליץ איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון שמחה און דער אוהב נאמן איז זייער קעניג

**ח. פארוואס האט דער חכם נישט אריינגעקוקט אין יד?**
- ❑ ווייל ער איז געווען בצער פון די רוח סערה
- ❑ ווייל דאס איז נאר פארן מלך
- ❑ ווייל ער האט נישט געהאט די יד

**ט. איבער וועלכע פלעצער איז דער חכם נישט אריבער?**
- ❑ איבער דעם פלאץ פון דער בעל תפלה און דער גבור און דער ממונה
- ❑ אין די מעשה שטייט נישט איבער ווען ער איז אריבער
- ❑ איבער דעם פלאץ פון דער מליץ און דער אוהב נאמן

**י. ווען וועלכע זאך איז געווען כדאי אז די אנשי המלך זאלן ווערן צושפרייט?**
- ❑ כדאי צו טרעפן דער מלך מיט זיינע מענטשן
- ❑ צו ארויס נעמען די מדינה פון תאוות ממון
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יא. וועלכע כתות איז גרינגער צוריק צו קערן צום אמת?**
- ❑ די מדינה של עשירות
- ❑ אלע כתות חוץ פון חכמה
- ❑ אלע כתות חוץ פון תאוות ממון

**יב. צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם אנגעקומען? און ווער איז זייער קעניג?**
- ❑ צו די כתה פון חכמה און דער חכם איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון דיבור און דער מליץ איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון שמחה און דער אוהב נאמן איז זייער קעניג

**יג. שאלת זכות: איבער וועלכע פלעצער איז דער מליץ נישט אריבער?**
- ❑ איבער דעם פלאץ פון דער בעל תפלה און דער גבור און דער ממונה
- ❑ אין די מעשה שטייט נישט איבער ווען ער איז אריבער
- ❑ איבער די פלאץ פון דער חכם און דער אוהב נאמן

**יד. אין וועמענס זכות האבן זיי אנגעהאנגען דאס אז זיי טרעפן זיך צוזאם?**
- ❑ פון דעם גבור
- ❑ פון דעם ממונה
- ❑ פון דעם בעל תפלה וואס איז שטענדיג מתפלל אויף דעם

**טו. צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם אנגעקומען? און ווער איז זייער קעניג?**
- ❑ צו די כתה פון חכמה און דער חכם איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון דיבור און דער מליץ איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון שמחה און דער אוהב נאמן איז זייער קעניג

***טז. שאלת זכות: וויפיל פון די אנשי המלך זענען געגאנגען צוזאמען?***
- ❑ ***פינף*** *- דער גבור, דער ממונה, דער בעל-תפילה, דער חכם, און דער אוהב נאמן*
- ❑ ***זעקס*** *- דער גבור, דער ממונה, דער בעל-תפילה, דער חכם, דער מליץ, און דער אוהב-נאמן*
- ❑ ***זיבן*** *- דער גבור, דער ממונה, דער בעל-תפילה, דער חכם, דער מלך, דער מליץ, און דער אוהב-נאמן*

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**

**1-518-329-9149**

אלע קינדער וואס האבן געוואונען די לעצטע וואכן קענען דאס אפנעמען ביי ר' יואל יאראוויטש אדער בן איש חי 54 דירה 11

# "דֶעם רֶבִּינְ'ס "פּוּרִים רָב"

המשך פון זייט 7

אוֹיךְ הַיינְט קֶען מֶען אָנְצִינְדְן דִי הַארְץ,
מֶען קֶען פִּילְן דֶעם אוֹר

תְּשׁוּעָתָם הָיִיתָ לָנֶצַח, וְתִקְוָתָם בְּכָל דּוֹר וָדוֹר

וְזֹאת הַתּוֹרָה לֹא תְהֵא מֻחְלֶפֶת דִי תּוֹרָה טוּט זִיךְ נִישְׁט בַּייטְן

כָאטְשׁ עֶס פַאלְן דִי דוֹרוֹת, עֶס דְרֵייט זִיךְ דִי צַייטְן

אוּן הַיינְט... אוּן הַיינְט... רֶעדְט רֶבִּי נָתָן צוּ יֶעדְן אִיד

הַאלְט זִיךְ דֶערְהַאלְט זִיךְ וֶוער נִישְׁט מִיד

אוֹיךְ הַיינְט קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד

כָאטְשׁ דֶער דוֹר אִיז אַזוֹי נִידְרִיג אוּן מִאוּס

אָבֶער דֶער רֶבִּי, דֶער צַדִּיק, עֶר קֶען דִיר שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי פִּיס

גֶעוַואלְד בְּרִידֶער, לָאמִיר אַלֶע מַאכְן אַ נַייעֶ הַתְחָלָה,

עֲמָלֵק זָאל הָאבְּן אַ גַאנְצֶע מַפָּלָה

זִיךְ אוֹיפְהֵייבְן, זִיךְ אוֹיפְרִישְׁן, אָנְהֵייבְן אַ נַייעֶ בְּלַאט לָאמִיר זִינְגֶען אַלֶע צוּזַאמֶען

יַעֲמוֹד .... יַעֲמוֹד... יַעֲמוֹד... יַעֲמוֹד...

יַעֲמוֹד... י ע מ ו ד...

אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים.. יַעֲמוֹד....

רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן דִיבּוּרִים... יַעֲמוֹד...

לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים... יַעֲמוֹד...

תְּפִלָּה בְּכֹחַ... יַעֲמוֹד...

הִיטְן דֶעם מֹחַ... יַעֲמוֹד....

אוּן נָאךְ אוּן נָאךְ גוּטֶע עֵצוֹת אוּן וֶועגְן

בִּיז מִיר וֶועלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין גֵיין מָשִׁיחַ'ן אַנְטְקֶעגְן

יַעֲמוֹד ... יַעֲמוֹד... יַעֲמוֹד...



לָאמִיר בֶּעטְן אִין זְכוּת פוּן רֶבִּי'ן ... יַעֲמוֹד...

גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת זָאל אוּנְז דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבְּן... יַעֲמוֹד...

אַלֶע גְּזֵרוֹת אוּן דִינִים זָאלְן וֶוערְן צוּרִיסְן.... יַעֲמוֹד...

פוּן קַיין צָרוֹת זָאל מֶען מֶער נִישְׁט וִויסְן.... יַעֲמוֹד

זוֹכֶה צוּ לֶעבְן אַ אֶמֶתְ'ער חַיִּים... יַעֲמוֹד...

חַיִּים יֵשׁ בָּהֶם אַהֲבַת תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם... יַעֲמוֹד.....

לָאמִיר גֵיין מְקַבֵּל זַיין דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פּוּרִים

מִיט אַ שִׂמְחָה, וְהַמְחָאַת כַּף וְרִקּוּדִים

קִיְּמוּ וְקִבְּלוּ הַיְּהוּדִים...